NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12998

TSHARLZ DARVIN

Vl. Cherevkov

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וול. טשערעווקאָוו

טשארלז דארווין

צענטרפארלאג
מאָסקווע—כאַרקאָוו—מינסק
1930

אל. משערעוקאוו

טשארלז דארווין

צענטראלער פעלקער-פארלאג פון פ. ס. ס. ר.
1930 מאסקווע—כארקאוו—מינסק 1930

אינהאלט

	זײַט
די גוליע פון פרומקײַט	5
א „פ סטע״ ארבעט	7
א גאלעך א שיסער	7
די רײַזע	9
לעבן און טויט	15

Главлит № А 78235 Заказ № 2050 Тираж 5000 экз.

Книжная ф-ка Центриздата Народов СССР. Москва,
Шлюзовая набережная, 10.



סשארלז דארווין

די גוליע פון פרומקײט

מיט דרײַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, האָט א דײַטשישע „וויסנשאַפטלעכע“, מישטיינס געזאָגט, געזעלשאַפט זיך פאַרנומען מיט דעם, וואָס זי פלעגט לויט פאַרשיידענע אויסערלעכע סימאָנים באַשטימען דעם מענטשנס פעיִקײטן.

די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט זיך באַקאַנט מיט דאַרווינס פאָטאָגראַפיע און האָט געפונען אויף זײַן קאָפּ „א גוליע פון פרומקײט“. זיי האָבן טייקעף געגעבן צו וויסן דאַרווינען וועגן דעם מיט א בריוו, אין וועלכן זיי האָבן פאַרזיכערט, אז אין זײַן גוליע איז פאַראַן אַזויפיל פרומקײט, וואָס וואָלט געקלעקט ניט אויף איין בישאָפישער קאָפּ.

די געזעלשאַפט איז געבליבן צום נאַר. טשאַרלז דאַרווין האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערע פרומקײט. פאַרקערט, ער האָט געשאַפן אַזא לערע, וואָס די בישאָפן פון אלע פעלקער האָבן זי מיט איין קול אָנערקענט פאַר אַן „אַפּיקאָרסישער“ און א „גאָטספײַנטלעכער“. כאָטש דאַרווין איז געוואַקסן אין אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס וואָלטן געדאַרפט מיטהעלפן, די פרומקײט זאָל זיך בײַ אים אַנטוויקלען אויפן סאַמע בעסטן אויפן.

געבוירן דעם 12 פעברואַל 1809 יאָר אין א קליינעם ענגלישן שטעטל שלאָסבערי, איז טשאַרלז דאַרווין פון קינדווײַז אָן דערצויגן געוואָרן אין גאָטספאַרכטיקײט. בײַ נײַן יאָר האָט ער שוין גוט געוווּסט צו ווענדן זיך וועגן נאָך הילף אין די שווערע לעבנס־מאָמענטן.

ווען ער פלעגט מיט אַלע קינדער לויפן אין שול, פלעגט ער אָפט צײַט צו צײַט הייבן די הענט צום הימל און בעטן.

— אַלמעכטיקער גאָט, העלף מיר קומען צו דער צײַט אין שול!

ער פלעגט קיינמאָל ניט פאַרשפּעטיקן און איז געווען זיכער, אַז דאָס מיט זיך פאַר אים דער גוטיקער גאָט.

דער אויבּערשטער איז אָבּער ניט געווען בּעקויעך צו העלפן טשאַרלין בּאַהערשן די שול-דיסציפּלינעס, צווישן וועלכע די וויכטיקסטע זײַנען געווען די אַלטע שפּראַכן, די קונסט פון לידער שרײַבּן און פון זײַן אַן עמעסער דזשענטלמען. אַף אַנדערע לימודים האָט מען געלייגט ווייניק אַכט, און דאָס קנעלן האָט אַף לאַנג אָפּגעשלאָגן בּײַ טשאַרלין דעם כיישעק צום לערנען.

ער איז געווען אײנעם לערנען דער ערגסטער, דערפאַר אָבּער אויסער דער שול פלעגט ער ווערן דער ערשטער צווישן די כעוורע אַף כאַפּן פּיש, יאָגן קײַעס, קלײַבּן קאָלעקציעס פון וואונדערלעכע שטיינדלעך, גרילן און אויך בּאַבּעלעך און אַנדערע אינזעקטן.

טשאַרלים פּאָטער, סער ראָבּערט, האָט זיך זייער געבּייזערט אַף טשאַרלין פאַר זײַן ניט-פּעיקײַט צום לערנען.

— עס איז אַ בּעזאָיען פאַר אונדזער גאַנצער פּאַמיליע — האָט ער צערייצט געזאָגט דעם זון. — וואָס איז עס פּאַר אַן אַרבּעט? האָבּן צו טאָן נאָר מיט הינט, כאַפּן מײַז און קלײַבּן דער רועך ווייסט וואָס.

טשאַרלי האָט שטאַרק ליבּ געהאַט זײַן פּאָטער. ער האָט אָבּער ניט געקאָנט דערשטיקן אין זיך די ליבּע צו דער נאַטור. דעריבּער האָט ער אופמערקזאַם אויסגעהערט דעם טאַטנס דראָשע, קלוימערשט זיך פאַרנומען מיט די בּיכער, נאָר בּאַלד ווי מע האָט אופגעהערט אַף אים אַכטונג געבּן, איז ער שטיל אַרויס אינדרויסן: ער האָט דאָך הײַנט געמוזט פאַרגרעסערן זײַן קאָלעקציע.

גלײַך האָט טשאַרלין געגליקט, ער האָט געפּאַקט צוויי אויסגעצייכנטע זשוקעס. נאָר אין דער רעגע האָט איבּער זײַן קאָפּ אָנגעהויבּן זשומען אַ דריטער. טשאַרלי האָט אַזש אופגעציטערט. אַזאַ שיינעם עקזעמפּליאַר, מיט האָריקע פיסלעך און בּלוילעכן רוקן האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געזען. אָבּער וואָס טוט מען? אַז בּיידע הענט זײַנען פאַרנומען. טשאַרלי האָט ניט לאַנג געטראַכט. איינעם פון די געפּאַקטע זשוקעס האָט ער געשווינד אַרײַנגעשטופּט אין מויל און מיט דער פרײַער האַנט געכאַפּט דעם דריטן. אין דער רעגע האָט ער דערפילט אַ שאַרפן ווײַטיק אין צונג, און אין מויל האָט זיך צעגאָסן עפּעס אַ קלעפּיקס און עקלדיקס בּיז צו בּרעכן. דאָס האָט דער זשוק אין מויל אָנגענומען מיטלען זיך צו פאַרטיידיקן. אַ גאַנצן טאָג האָט טשאַרלי געהאַלטן דערנאָך אין איין שפּײַען און-רייניקן דאָס מויל.

„א פוסטע ארבעט"

דאָס באַליבסטע איז בא טשאַרלין געווען פאַרברענגען אין וואַלד.
— מאָדנע — פלעגט ער זאָגן, — וואָס אַזוי ווייניק מענטשן האָבן ליב די נאַטור.

איינמאָל איז ער געגאַנגען מיט זײַן עלטערן ברודער עראַזם קלײַבן אייער פון וואַלד-פייגלען. ווען זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אַף א נעסט פון א כורוכטאַן, האָט עראַזם געוואָלט צונעמען אַלע פיר גרינלעכע אייעלעך. טשאַרלז האָט מיט ראַכמאָנעס אָפּגעשטויסן דעם ברודערס האַנט:

— וואָס טוסטו? מע מעג דען פאַרשאַפן אַזעלכע יסורים די פייגל? מירן נעמען נאָר איין איי צוליב דער קאָלעקציע.

און דערבײַ האָט ער דערציילט, ווי דערדאָזיקער פויגל נאָרט אָפּ דעם שונא. מאַכנדיק זיך קלוימערשט פאַרוווּנדעט, פליט ער פּאַמעלעך אַוועק פונעם אָרט, וווּ דער נעסט איז, ווײַט ווײַט און פירט אַזוי- אַרום אַוועק דעם סוינע גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג.

עראַזם, וואָס האָט זיך דעמאָלט שטאַרק אינטערעסירט מיט כעמיע האָט פאַרגעלייגט טשאַרלין אויך אַרבעטן אין זײַן לאַבאָראַטאָריע. טשאַרלי האָט זיך אַזוי אָפּגעגעבן די כעמישע עקספּערימענטן, אַז ער האָט אינגאַנצן פאַרוואָרפן די לימודים.

אַז דער דירעקטאָר האָט זיך דערוווּסט דערפון, האָט ער בייז זיך אויסגעלאַכט פון טשאַרלין אין דער אָנוועזנהײַט פון אַלע שילער.

— שעמט זיך, יונגערמאַן — האָט ער געזאָגט מיט אַן ערנסטער מינע פון א שויטע — איר פאַרנעמט זיך מיט אַזאַ פוסטער אַרבעט! איך וואָלט פון אײַך ניט אָפּגעלאַכט אַזוי עפנטלעך, ווען איר זאָלט זיך אָפּגעבן אַביסל ערנסטערע און נוצלעכערע זאַכן, לעמאָשל — שפּילן אין באַל...

א גאַלעך א שיסער

דער פאָטער האָט געפרוווּט מאַכן טשאַרלין פאַר א מעדיקער און האָט אים געשיקט אין עדינבורגער אוניווערסיטעט אַף דער מעדיצינישער אָפּטיילונג.

גאָר אויך דאָ האָט טשאַרלי זיך שלעכט געלערנט. ער פלעגט בעסער בלאָנקען איבערן ברעג פון ים און קלײַבן קאָלעקציעס. דאָרט

איז ער זיך גיך צונויפגעגאנגען מיט די פישערס, פלעגט אפט פארן מיט זיי פאנגען פיש און דערמיט באַרייכערן זײַנע ידיעות וועגן לעבן פון ים. ער איז געוואָרן א מיטגליד פון דער געזעלשאַפט פון ליבהא-בער פון דער נאַטור און איבערגעלייענט צוויי פאָרטראַגן וועגן זײַנע ערשטע אנטדעקונגען פון זײַנע ים-זוכענישן. דאן איז ער נאָך ניט אלט געווען קיין צוואנציק יאָר.

ווען טשארלז האט זיך אומגעקערט פון עדינבורג אהיים אף קאני-קולעס, האט דער פאטער אים ארויסגערופן צו זיך אין קאבינעט און געשמועסט מיט אים אריבער א שעה.

— איז אט, גוטער ברודער, באטראכט — האט לעסאף געזאגט סער ראבערט — ס'איז קלאר, אז קיין דאָקטער וועסטו ניט זיין, איז עפשער וועסט זיך דיר אײַנגעבן א גאלעך צו ווערן.

— טשארלז האט געגעבן זײַן האסקאמע.

קעדיי אבער צו ווערן א גוטער-ברודער מיט גאט, איז כדאַי גוטן ווילן נייטיק נאָך אויסלערנען די קונסט צו פאשען אין אידע גלויביקע. אין טשארלז קומט אן אין קעמברידזשער אוניווערסיטעט, ווו ס'האָט זיך געלערנט ניוטאָן.

האגאם טשארלז האט זיך באציגן מיט ערע צו די געטלעכע וויסנ-שאפטן, נאר ער האט געמוזט אנערקענען, אז די דאזיקע וויסנשאפטן זײַנען נאָך לאנגווײַליקער פאר די מעדיצינישע, און דאס ערגסטע איז געווען, וואס אין זיי איז ניט געווען קיין שום זיכערער אינהאלט, זיי האבן זיך ניט באזירט אף קיינע שום באוויַזן. און דארווין איז שוין געווען געוווינט געווען צו זוכן און געפינען די עמעסע סי-בעס פון יעדער דערשײַנונג

און ס'פלעגט זיך באקימען, אז ער האט זיך פאקטיש מער אפגע-געבן עקסקורסיעס, נאכמערקונגען איבער נאטור און דער באַרייכערונג פון זיינע גרויסע קאלעקציעס, איידער דעם לערנען אין אוניווערסיטעט. בעגנייווע פלעגט ער אפט אוועקפארן אף יעגעריי. און קעדיי ניט פארגעסן גוט שיסן, פלעג ער קימאט טאג-טעגלעך זיך איבן בא זיך אין צימער.

— א מאדנער מענטש אט דער דארווין, — האט איין פראפעסאר גע-זאגט א צווייטן — איך גיי אפט דורך נעבן זיין פענצטער און הער ווי ער קנאקט שטענדיק מיט א בײַטש. אזא מאדנע צײַט-פארברענ-געניש!

דער געערטער פראפעסאר האט זיך ניט געקאנט פארשטעלן, אז דער צוקונפטיקער גאלעך פארנעמט זיך מיט אזא נים-פאסיקער אר-בעט. ווי שיסעריי.

דריי יאר האט זיך דארווין אפגעלערנט אין אוניווערסיטעט. ער איז געווארן א געזונטער שטארקער יונג. ער האט געקאנט צופום דורכמאכן גרויסע שטרעקעס ניט מיד צו ווערן, און שפרינגען איבער א שטעקל אף דער הייך פון זיין קין.

אין 1831 י. האט ער געענדיקט דעם אוניווערסיטעט און איז גרייט געווען צוטרעטן צו זיינע היסכייוועסן פון א גאלעך.

נאר.. דא איז פארגעקומען א געשעעניש, וואס האט צונישט גע-מאכט אלע פלענער, און אפילע די בארימטע גוליע האט דא אויך ניט געקאנט העלפן. וועגן דעם דערציילט דארווין אליין אזוי:

— פון דעם מאמענט האט זיך מיין לעבן אנגעהויבן פונסניי. ס'איז דער טאג פון מיין צווייטן געבורט.

די ענגלישע רעגירונג האט באשלאסן שיקן די מיליטערישע שיף „ביגל" אין א 5-יאריקער רייזע ארום דער ערד. דער קאפיטאן פיצראי האט געמאלדן, אז ער קאן מיטנעמען א יונגן דרייסטן און געזונטן מענטשן, וואס זאל די רייזע אויסנוצן צוליב וויסנשאפטלעכע צילן. דארווין איז באלד אוועק צו פיצראיען.

כוץ דער קלוגער טעאריע וועגן גוליעס אפן קאפ, איז דאן געווען נאך איינע. וואס האט געלערנט, אז דעם מענטשנס כאראקטער קאן מען דערקענען לויט זיין פאנעם און אפילע לויט דער נאז, אויב מע קוקט אפן פראפיל. דער קאפיטאן פיצראי האט שטארק געהאלטן פון דערדאזיקער טעאריע. ער האט זיך באמיט די גאנצע צייט זען דאר-ווינס פאנעם אין פראפיל.

— ניין, האט באשלאסן בא זיך דער קאפיטאן, — ער טויג ניט. זיין נאז איז עפעס ניט דאסיק...

אבער אין געשפרעך האט זיך ארויסגעוויזן, אז דארווין איז אן אויסגעצייכנטער יענער, א קרעפטיקער יונג... און בכלל א גוטער יאט. פיצראי האט א שפיי געטאן אף דער „פראפיל-טעאריע" און פארגעלייגט דארווינען מיטפארן.

די רייזע

דעם 27 דעקאבער 1831 האט טשארלז דארווין פארלאזט ענגלאנד. דא הייבט זיך אן איינע פון די וואנדערלעכסטע רייזעס אין דער

מענטשלעכער געשיכטע, וואָס האָט געבראַכט צו גראַנדיעזע אַנט-דעקונגען.

פאַר דאַרווינען, וואָס האָט זיך געלאָזט אין וועג אָן באַשטימטע פּלענער, האָט זיך אָנגעהויבן גאָר אַן אַנדער וווּנדערלעך לעבן, אײַנ-גאַנצן ניט ענלעך אויפֿן פֿריערדיקן.

דאַרווין האָט איבערגעלעבט לעבעדיק דעם־זעלבן געפֿיל, וואָס פֿלעגט זײַן בײַ אים אין די קינדער-יאָרן, ווען, אַנטלויפֿנדיק פֿון שול, פֿלעגט ער אַרײַנקומען אין דער געהיימער געדיכטקײַט פֿונעם וואַלד.

דרײַ גרויסע יאַמען האָבן געשווענקט די שיף „ביגל" — דער אַט-לאַנטישער, שטילער און אינדישער. אַ מאַסע אינדזלען — איינזאַמע שטיקלעך ערד צווישן אומענדלעכן וואַסער-פֿעלד — האָבן זיך באַגעגנט אויף זײַן וועג.

אַז די שיף פֿלעגט צושווימען צו די אינדזלען, פֿלעגט פֿון באָרט אַראָפּשפּרינגען אַ יונגער שטאַרקער מענטש און, באַגלייט פֿון אַ הײַפֿעלע מענטשן, זיך לאָזן אין טיף פֿונעם אינדזל. דאָרט האָט ער געזאַמלט פֿאַרשיידענע שטיינער, אויסגעגראָבן יאָרנלאַנג פֿאַרבאָרגענע סקעלעטן און ביינער, די מענטשן האָבן געפֿאַנגען פֿייגלען און חיות און דאָס אַלץ געבראַכט דאַרווינען. זשעדנע און אַנטציקט האָט ער זיך צוגעקוקט צו דעם געבראַכטן, פֿאַרווּנדערט געשאָקלט מיטן קאָפּ, און דאָ אויפֿן אָרט פֿאַרצייכנט זײַנע באַמערקונגען. טשאַרלזעס קאָפּ איז פֿול געווען מיט נײַע פֿראַגן.

— פֿאַרוואָס איז די ערד פֿון די אינדזלען — אי ענלעך, אי ניט ענלעך אויף דער ערד פֿון די מאַטעריקן?

— פֿאַרוואָס זײַנען דאָ די חיות און געוויקסן — אי ענלעך, אי ניט ענלעך אויף די, וואָס זײַנען אויף די מאַטעריקן? —

— פֿאַרוואָס זײַנען די סקעלעטן פֿון די געוויקסן, פֿייגלען און חיות, וואָס ווערן אויסגעגראָבן אויף די אינדזלען, מער ענלעך אויף די, וואָס פֿון די מאַטעריקן, איידער אויף יענע, וואָס לעבן איצט אויף די אינדזלען?

פֿראַגן... פֿראַגן... פֿראַגן... איצט איז אויף זיי קיין ענטפֿערן ניטאָ. איצט דאַרף מען נאָר אָנזאַמלען וואָס מער פֿראַגן, קעדיי אין משך פֿון פֿערציק יאָר באַווײַזן צו ענטפֿערן אויף זיי.

און דער ערשטער גרויסער ענטפֿער וועט זײַן:

— ווײַל די געוויקסן, פייגלען און בהמות, וואָס זײַנען אַמאָל אַריבער אויף די אינדזלען, האָבן געמוזט ביסלעכווײַז, פון דאָר צו דאָר זיך צופּאַסן צו די נײַע לעבנס־תּנאָים. צופּאַסנדיק זיך, האָבן זיי זיך געענדערט. ווען ניט, וואָלטן זיי אומגעקומען. זייער גרייס, געבוי, פאַרב און נאָך אַנדערע אייגנשאַפטן זייערע האָבן זיך געביטן אַזוי, ס׳זאָל זיי גרינגער זײַן צו לעבן אויף די אינדזלען.

— הייסט עס — אַז געוויקסן, אַז פייגלען, אַז בהמות בײַטן זיך? ס׳קומען אויף נײַע מינים? נו. און גאָט? ער האָט דאָך אַלע געשאַפן מיטאַמאָל אַזוי, ווי זיי זײַנען, — אַזוי לערנט די רעליגיע?

— הייסט עס, אַז ער האָט ניט געשאַפן.

— און דעם מענטשן?

— הייסט עס — דעם מענטשן אויך ניט?

דידאַזיקע ענטפערן וועלן קומען דערנאָך. און דערווײַל — זאַמלען, זאַמלען וואָס מער מאַטעריאַל.

נאָך די אינדזלען פון אַטלאַנטישן ים האָבן זיך באַוויזן גרויסע ברעג באַדעקט מיט וועלדער. דאָס איז געווען דאָס פּרעכטיקע לאַנד פון דרום־אַמעריקע — בראַזיליע — מיט אירע ניט־געריירטע וועלדער, וואָס ציִען זיך אַרום דעם בעקן פון דעם גרויסן טײַך אַמאַזאָנקע, מיט איר אויסערגעוויינלעכער פּרוכטבאַרקייט און וווּנדערלעכער רײַכקייט אין בהמות און געוויקסן. דאָ וואַקסן פאַרב־בוימער, קאַוטשוק, קאַקאַאָ, קאַווע און דער מעכטיקער ניסנבוים וואָס דערגרייכט ביז פערציק מעטער די הייך. דאָ געפינען זיך ריזיקע שלענג, וואָס דינען די היגע אײַנוווינער פאַר שפּײַז. באַזונדערס האָט פאַרוווּנדערט דאַרווינען די אומגעהײַערע פאַרשיידנאַרטיקייט פון די פייגלען, און ווידער זײַנען בײַ אים אויפגעקומען פראַגן.

— פאַרוואָס האָבן די פייגלען בײַ אַלעכע גוטע באַדינגונגען נאָך מער זיך ניט פאַרמערט? אָדער, פאַרקערט, פאַרוואָס האָבן די רויבבהמות ניט פאַרניכטעט אַלע שוואַכערע און ס׳זײַנען ניט געבליבן נאָר עטלעכע שטאַרקסטע מינים?

— צוליב וואָס זײַנען אַזוינע העלע פאַרבן און באַפעדערונגען?

די ענטפערן זײַנען געקומען ערשט דערנאָך אין פאָרם פון קלאָרע, קורצע געזעצן, וואָס רעגולירן דאָס לעבן אויף דער וועלט. דאָס זײַנען די געזעצן: קאַמף פאַר עקזיסטענץ, נאַטירלעכער אָפּקלײַב, געזעלשאַפטלעכער צוקלײַב.

די ביימער קאָנען זיך ניט פאַרמערן אָן א גרענעץ. דער שטאַרקער עסט אויף דעם שוואַכן, כּדי אליין לעבן. דאָס איז דער געזעץ פון קאַמף פאַר עקזיסטענץ.

אָבער דער שוואַכער וויל אויך ניט שטאַרבן. ער קלאַמערט זיך אָן לעבן מיט אַלע מיטלען. ער לערנט זיך אויס צו זיין געשיקט און האַמצאָעדיק. איין מין אַרבעט אויס אין זיך אן אויסערגעוויינלעכע פעיקייט זיך אויסדרייען פונעם סוינע, א צווייטער — פלינקייט פון פליען, א דריטער — א שאַרפן געהער, א פערטער — א פעיקייט זיך צופאַסן צו די אַרומיקע אומשטענדן, צו דער פאַרב פון דער ערד, פון די בלעטער, פונעם הימל, אזוי אז דאָס שאַרפע אויג פונעם סוינע זאָל אים ניט דערזען. דאָסזעלבע איז מיט די געוויקסן. און אין יעדן מין בלייבט לעבן דער, וואָס האָט אַמבעסטן זיך באַוואָפנט קעגן די אומצאָליקע געפאַרן. די איבעריקע קומען אום. דאָס לעבן און דער טויט מאַכן אָן אָפּקלייב. דאָס איז דער געזעץ פון נאַטירלעכן אָפּ־קלייב.

און די זין פון די פייגלען און ביימער, כּדי צו האָבן א לעבנספעיקייט יונגן דאָר, קלייבן זיך אויס שטאַרקע, קרעפטיקע און געשיקטע מענער. און די ערן שלאָגן זיך אף דועלן, כּדי צו באַווייזן פאַר די זין זייער קראַפט און פלינקייט, און שטעלן אַרויס פאַר די זין זייערע פיל־פאַרביקע און רייכע קליידונגען. דאָס איז דער געזעלשאַפטלע־כער צוקלייב.

— אויב אזוי, קומט אויס ווידער, אז קיין גאָט איז ניטאָ? די באַשעפענישן זאָרגן זיך אַליין וועגן זיך און אַרבעטן אויס אין זיך די אייגנשאַפטן, מיט וועלכע ס'איז גרינגער דורכצולעבן זיך?

— ווייזט אויס, אזוי איז עס.

— און ווי דערווייזט מען עס?

— די רעשטלעך פון ביימער און געוויקסן, וואָס זיינען פאַרבליבן אין דער ערד, ווייזן, אז שטענדיק פלעגט פאָרקומען א פאַרבייט פון איינע אייגנ־שאַפטן אף אַנדערע, מער צוגעפּאַסטע צום לעבן. אויב מע זאָל איבער־טראָגן א געוויקס, צי א בוים אין אן אַנדער לאַנד מיט אַנדערע טנאָ־ים, וועט דערדאָזיקער געוויקס אָדער בוים אומקומען, אָדער זיך סטאַ־רען צופּאַסן צו די נייע טנאָים, בייטן דעם וווּקס, באַפאַרבונג, פאָרמע.

— און דער מענטש — אויך?

— יאָ. דער מענטש איז דאָך אויך א מין בוים.

פון בראזיליע איז „ביגל" אוועק אף דארעם, צו די ברעגן פון אר־גענטינע מיט אירע אומענדלעכע סטעפּן — פּאמפּאסן, דאָ האָט דאר־ווין געפונען אסאך רעשטלעך פון אוראלטע געוויקסן און כײַעס. ער האָט גלײַך באמערקט סײַ זייער ענלעכקײַט מיט די איצטיקע גע־וויקסן און כײַעס פון אמעריקע, סײַ זייער כילעק.

נאָך ווייטער אף דארעם איז ער געקומען צו די פעלדזיקע וויסטע־נישן פון פּאטאגאניע.

און אף סאמע דארעם־אמעריקע איז די שיף צוגעשטאנען צו די ברעגן פון דער „פײַערדיקער ערד", ווו צווישן די פעלדזן האָט געוואנ־דערט א ווילדע באפעלקערונג מיט גרויסע סטאדעס שאָף.

— דער אויסזען פון א נאקעטן ווילדן מענטשן אין זײַן היימלאנד איז א בילד, וואָס מע קאָן קיינמאָל ניט פארגעסן, — האָט דארווין גע־זאָגט פּיצראָיען.

און א שארפער געדאנק האָט דורכגעבליצט אין זײַן מויעך: אונ־דזערע אורעלטערן אין יענע ווײַטע צײַטן, ווען זיי האָבן נאָך פון קיין אײַזן ניט געוווּסט, זײַנען דאָך געווים ענלעך געווען אף דעמדאָזיקן ווילדן. נו, און זײַנע אורעלטערן? צו וואָס פאר א לעבעדיקער באשע־פעניש זײַנען זיי נעענטער? ווערעמס סקעלעט דערמאָנען זייערע ביי־נער? צי דערמאָנען זיי ניט דעם סקעלעט פון א מאלפּע? נו, פאר־שטייט זיך, פון די מענטשנארטיקע ריזיקע מאלפּעס. אזעלכע מאלפּעס האָט דארווין געזען אסאך בעשאס זײַנע רײַזעס איבער אמעריקע.

דערווײַל זײַנען דאָס בלויז באזונדערע, אפּגעריסענע געדאנקען מיט דער צײַט אָבער וועלן זיי אויסבילדן א גאנצע, פארענדיקטע סיס־טעם און וועלן שאפן די באריממטע לערע „וועגן אפּשטאם פונעם מענטשן".

די שיף האָט ארומגעשוווּמען דעם דאָרעמדיקן עק פון אמעריקע און איז געקומען צום בארגיקן לאנד טשילי. דארווין האָט געקלעטערט אף די סאמע שפּיצן פון די שניי־בערג, ווו ס'גליטשן זיך אראָפּ זיי־ער פאמעלעך, צו צען סאנטימעטער א טאָג, די אײַז־שטראָמען. ער האָט דארט געזען ווולקאן־אויסבראָכן און איבערגעלעבט אן ערד־ציטערניש.

דאָ איז „ביגל" שוין געקומען אין שטילן יאם. אפן וועג צו אווסט־ראליע, האָט די שיף זיך אפּגעשטעלט בא די שילדקרעט־אינדזלען, וואָס זײַנען באריממט מיט זייערע ריזיקע שילדקרעטן, וואָס דערגרייכן

ביז 700 קילאגראם די וואג.* דא האבן דארווינען פארינטערעסירט ווי דער די פייגלען.

דא מאכט דארווין זײַנע וויכטיקסטע נאכמערקונגען. ער באמערקט, אז די פייגלען זײַנען דיזעלבע, וואס די אמעריקאנער פייגלען. און דאך איז צווישן זיי א גרויסער כילעק. דער כילעק איז א רעזולטאט פון אן אנדער קלימאט און פון די באזונדערע אייגנשאפטן פון די אינדזלען. דארווין קומט ענדגילטיק צום געדאנק, אז דאס לעבן אף דער ערד האט זיך בעהאדראגע אנטוויקלט, און איז ניט געשאפן גע-ווארן אין איין אטעם, לויט עמעצנס באפעל.

דערנאך שטעלט זיך דארווינס שיף אפ בא די פאלינעזישע אינדז-לען, און ווײַטער—בא דער וואנדערלעכער אוסטראליע, ווו די כײַעס און פייגלען זײַנען פון אוראלטן אפשטאם, ווו ס'געפינט זיך דער שווארצער שוואן און ס'וואקסן וועלדער, וואס גיבן ניט קיין שאטן. דאס זײַנען וועלדער פון שמעקיקע עווקאליפטן, הונדערט פופציק מעטער** די הייך און צען מעטער*** די ברייט. די בלוי-גרינע ניט-אפפאלנדיקע בלע-טער זייערע גיבן ניט קיין שאטן, ווײַל זיי זײַנען מיטן ראנד געווענ-דעט צו דער זון. אף דידאזיקע בלעטער טיילט זיך ארוים, ווי טוי, צו-קער-מאן. צווישן אט דער אויסערגעווײנלעכער נאטור גיט זיך דארווין אינגאנצן אפ צו זײַנע אויסזוכונגען און זאמלט צונויף ווערטפולע מא-טעריאלן.

דערנאך פארט „ביגל“ איבערן אינדישן יאם אלין מער אף מײַרעוו, פארהאלטנדיק זיך בא די פארשיידענע אינדזלען, וואס טרעפן זיך אפן וועג.

און אט איז ווידער דער אטלאנטישער יאם. דארעם-אמעריקע פון מיזרעך-זײַט, בראזיליע, און נאכן לעצטן אפשטעל בא די אזארישע אינדזלען, קומט „ביגל“ אן קיין ענגלאנד.

די רײַזע ארום דער ערד איז פארענדיקט. פון שיף איז דארווין אראפ שוין אלט א רײַפער געלערנטער. סאכאקל מיט פינף יאר צוריק האט ער זיך געלאזט אין וועג ווי א ליבהאבער א רײַזנדער אן א בא-שטימטן פלאן.

איצט האט ער אין זײַנע הענט די שליסלען פון אסאך נאטור-סוי-דעס.

---

* אריבער 40 פוד.

** 70 קלאפטער.

*** 4 1/2 קלאפטער.

לעבן און טויט

דארווין האָט געבראַכט מיט זיך א טייערע מאַטאַנע פאַר דער מענטש-הייט. דערווייל אָבער איז עס געווען נאָר רוי-מאַטעריאַל, וועלכן מע-דאַרף ערשט באַאַרבעטן.

די אַרבעט וואָלט אים געווען אַסאַך גרינגער, ווען ער וואָלט ניט געווען געקומען א קראַנקער, אַן אָפּגעשוואַכטער און א קאַליקע. ניט גרינג קומט אָן אַרויסרייסן בײַ דער נאַטור אירע סודות! די גאַנצע רייזע האָט דאַרווין געליטן פון יאַם-קראַנקייט. וואָס האָט ביז גאָר אויסגעמאַטערט זײַן שטאַרקן אָרגאַניזם. זײַן מאָגן האָט זיך אָפּגע-וווינט צו קאָכן—פונעם שטענדיקן ברעכן בעשאַסן הוידען אויף די יאַ-מען. דאָס איז אים פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן. א מדרערטרעגלעכע ליידן האָבן אים ניט געלאָזט אַרבעטן מער ווי פיר-פינף שעה א טאָג.

דאַרווינס וויסנשאַפטלעכע אַרבעט איז געווען א קאָלאָסאַלע, דערי-בער זײַנען זײַנע גרונטלעכע ווערק אַרויס גאַנץ שפּעט.

ערשט אין דרײַ און צוואַנציק יאָר אַרום נאָך דער רייזע, איז אַרויס זײַן בוך „דער אָפּשטאַם פון מינים“, וואָס אַנטהאַלט אין זיך די לערע וועגן אַנטוויקלונג פון לעבן אויף דער ערד.

דאָס צווייטע ווערק „אָפּשטאַם פונעם מענטשן“ איז דערשינען אין צוועלף יאָר אַרום.

דאָס זײַנען דאַרווינס צוויי גרונט-ווערק, וואָס האָבן געמאַכט אַן איבערקערעניש אין די מענטשנס מוחות.

דאַרווין האָט קלאָר באַוויזן, אַז דאָס לעבן אויף דער ערד איז ניט געווענדט אין קיין שום גאָט, און די באַשעפעניש; אָרדענען אַליין אײַן זייער לעבן, צופּאַסנדיק זיך צו דער אַרומיקער נאַטור. דערדאָזיקער געדאַנק האָט געווירקט ווי א באָמבע אויף דער גאַנצער וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפט און באַזונדערס אויף די גײַסטלעכע: דאַרווינס לערע מאַכט דאָך אַרבעטלאָז „דעם אויבערשטן“. דאַרווינס לערע איז טייקעף דער-קלערט געוואָרן פאַר אַן אַפּיקאָרסישער און גאָט-פײַנטלעכער.

די קירך האָט אָבער שוין ניט געהאַט די קראַפט, וואָס אַמאָל. זי האָט ניט געקאָנט פאַרברענען דעם אַפּיקוירעס און פאַרווערן זײַן לערע, און דאַרווין האָט רויק אַרויסגעלאָזט איין ביכל נאָך א צווייטן.

דאַרווינס געדאַנקען זײַנען אומעטום דורכגעדרונגען. זײַנע ווערק זײַנען איבערגעזעצט אויף די הויפּט-שפּראַכן. זיי זײַנען געוואָרן איינע פון די יסודות פונעם לערנען אין אַלע שולן פון דער וועלט.

דארווין איז ניט געווען קיין אויסגעהאלטענער רעוואָליוציאָנער, אָבער זײַן לערע האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע רעוואָליוציאָנערע קראַפט.

דאַרווין האָט געוואָלט נאָר איינס — מע זאָל אים לאָזן רו׳ק אַר-בעטן. דעריבער האָט ער זיך באַמיט אין זײַנע ווערק ניט אָנרירן די רעליגיע. אָבער זײַן לערע האָט בעמיילע געפירט צום אָפּלייקענען די רעליגיע. דעריבער האָבן די גײַסטיקע קיינמאָל ניט געוואָלט שאָלעם מאַכן מיט דערדאָזיקער לערע.

בײַ זיך אין קאַבינעט אָבער פלעגט דאַרווין אָפן אַרויסזאָגן זײַנע מיינונגען וועגן דעם.

— איך האָב אָפּגעוואָרפן די רעליגיע בײַ פערציק יאָר, — האָט ער געזאָגט איין געלערנטן.

— פאַרוואָס אַזוי שפּעט? — האָט יענער געפרעגט.

— ווײַל פריער האָב איך קיין צײַט ניט געהאַט צו טראַכטן וועגן דעם.

— פאַרוואָס פאָרט האָט איר זי אָפּגעוואָרפן? האָט זיך דער גע-לערנטער אַלץ דערפרעגט.

— ניטאָ קיין פאַקטישע באַווײַזן, — האָט פּאַשעט געענטפערט דער גרויסער פאָרשער פון די נאַטור-סוידעס.

אַ צווייטער רעוואָליוציאָנער און הייסער קעמפער אין דער וויסנ-שאַפט און אין לעבן, דער רוסישער געלערנטער טימיריאַזעוו, האָט באַזוכט דאַרווינען, ווען יענער איז שוין אַלט געווען 68 יאָר. צו אים איז אַרויסגעגאַנגען אַ בעקאָוועדיקער זאָקן מיט אַ גרויסער ווײַסער באָרד, מיט טיף אײַנגעפאַלענע אויגן און מיט אַ רויקן מילדן בליק.

„אין דעם, וואָס ער האָט גערעדט, — שרײַבט טימיריאַזעוו, — האָט זיך ניט געפילט קיין אַלטקײַט, שעמעוודיקײַט, מוסערדיקײַט. פאַרקערט, זײַנע רייד זײַנען געווען לעבעדיק, קעמפעריש און שאַרפ-זיניק“.

די צוויי גרעסטע מענטשן פון יענער צײַט — דאַרווין און מאַרקס — האָבן זיך געביטן מיט זייערע וויסנשאַפטלעכע ווערק. אַלס צייכן פון אַ באַזונדערער אַכטונג פון יעדן איינעם פון זיי צו די פאַרדינסטן פון דער מענטשהײַט.

טשאַרלז דאַרווין איז געשטאָרבן דעם 7 מאַרט 1882 יאָר, ניט האָבנדיק איבערגעריסן די אַרבעט ביז זײַנע לעצטע טעג.

Цена 7 коп.

פּרײַז 7 קאָפּ.

На еврейском языке

Вл. Черевков.

ЧАРЛЗ ДАРВИН

ЦЕНТРАЛЬНОЕ ИЗДАТЕЛЬСТВО НАРОДОВ СССР.
Москва центр Никольская 10